# קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג : איך האב געלייענט אין דער צייטונג, אז אין די אייגנגענומענע אביסינישע שטעט: אדוא, אקסום און אנד. שטעט האבען די איטא־ליענער ווי נאר זיי זענען אריין געמאכט עלעקטרישע ליכט, צו וואס האט זיי דאס געטוינט ?

שבת־הגדול : זיי זאלען זעהען צוריק צולויפען.

## אויפן האנדעלס־מארק

יוד (צום צווייטען) : איהר האט געהערט ? דער קארטעל פון שנוראוואדלע־פאבריקאנטען האט בע־שלאסען צו העכערען די פרייזען פון שנוראוואד־לעם ?

צווייטער : דאס ארט מיך נישט, סיי ווי וועט מען ביי אונז בקרוב געהען אהן שיך.

## די נקמה פון א גאספאדאוש.

נעכטען, דאנערשטאג דעם 28טען נאוועמבער, קומט א הויזווירט צו זיינעם א לאקאטאר און מעל־דעט איהם :

— איהר זאלט וויסען, אז כ'האב אויף אייער דירה געהעכערט ס'דירה געלד אויף 15 פראצענט.

— פאניע ווירט, ס'האט דאך געזאלט בילינער ווערען מיט 15 פראצענט ?

— יא, אבער ערשט אין 3 טעג ארום — האט דער ווירט געענטפערט.

## אוי, די מאנאפאלקע !

א בעקאנטער היגער אדוואקאט האלט זעהר שטארק פון א כוסה. נאך א נאכט כוסה'נען אין „טאבארין“ קומט ער צו מארגענס אריין אין דעם זעלבען לאקאל און פרעגט דעם קעלנער :

— פשעפראשאם, פאנא, איז נעכטען דא געוועז מיין קאלעגע ב. ?

— א יאקושע, אוודאי געוועזן !

— און איך בין אויך געוועזן?... — האט דער מעצענאס געפרעגט.

# א נייער תענית

## פון יודען און קריסטען.

אויף א געמיינזאמער בעראטונג פון יודישען און קריסטליכען הויזבעזיצער פעראיין, איז בעשלאסען געווארען צו פראקלאמירען דעם טאג פון 14טען נא־וועמבער א געמיינזאמען תענית (דער טאג פון פער־עפענטליכען דעם דעקרעט פון בילינער מאכען די־רה־געלד).

אט ווי אזוי ס'קען ליכט קומען צו א יודיש־פוילישער פערשטענדיגונג.

# וואס דער קאמארניק

## קען נאך ביי איהם נעהמען

געוועזענער סוחר (צום קאמארניק) : פאניע קא־מארניקו, ביטע נעהמט פלאץ, דאס איז דאס איינ־ציגע וואס איהר קענט נאך ביי מיר „נעהמען“..

# צוליב 1 גראשען?

## פאר דער אלטשטעטישער שוהל.

ארימאן : פעטער, שענקט א גראשען!

יוד : איך העלף נאר יתומים.

ארימאן : טא וואס וואלט איהר געוואלט, אז צו־ליב אייער גראשען, זאל איך הרגענען מיין טאטע און מאמע ?!

## אין סוחרים פעראיין.

ערשטער סוחר: פאניע שטריכהויז: כ'האב גע־הערט אז אייער שותף האט חתונה געהאט און האט שוין געמאכט א ברית אויך ?

צווייטער סוחר: יא, ער איז אייביג געוועזן אנ׳־אידיאט, וועלכער סוחר טוט עס אין אזא קריזיס פערגרעסערען ס'געשעפט ?

## צווישען „בעסערע“ ווייבלעך

ערשטע: איך לייען אפט אין דער פרעסע, אז נאכן זאקאנטשען די ספראווע, אדראטשעט דער סענ־דזשע דאס אויסזאגען דעם ווירדאק אויף עטליכע טעג, פארוואס איז דאס אזוי ?

צווייטע: איך ראזומיע אויך נישט די פשיטשי־ניע. כ'פערשטעה, אז פארן אויסזאגען דעם ווירדאק ווילען זיך די סענדזשעס פאראדזשען מיט זייערע ווייבער.

## גליק אין לעבען

אין א צוקערניע זיצען צוויי פשיאטשעלעם און שמועסען, זאגט איינער :

— איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאס גרעסטע גליק אין לעבען איז האפענונג.

— אויב אזוי, טא, בארג מיר 100 זל.

— פארוואס ?

— וועסטו אייביג זיין גליקליך מיט דער האפע־נונג, אז איך וועל דיר אפגעבען.

# דער ווירט און דער דיסקאנטער

## אונטערגעהערטער שמועס.

ווירט (צום דיסקאנטער) : א, א גאסט... זיצט ר' משה !

דיסקאנטער : כ'זיץ שוין ביי אייך 10 יאהר אויפן היפאטעק, נו, טא וואס האב איך דערפון ?

# די פאננע געניע

## האט זיך אליין „זדראדזשעט“

די פאננע געניע שיט מיט וויצען און באוויעט די געזעלשאפט, פרעגט זי א בחור :

— פאננע געניע, וועמענס איז דער וויץ ?

— וואס הייסט וועמענס ? מיין אייגענער.

— אויב אזוי, זענען זי א סך עלטער ווי זי זעה־ען אויס !..

# די פערגאנגענהייט

## פון א סקראמנע לאדזער פאניענקע.

— זויעש, סאניו, כ'האב מיך נעכטען אדורכגע־רעדט מיט מיין נאזשעטשאני, האב איך איהם אלץ דערצעהלט פון מיין פשעשלאשטש.

— נו, וואס האט ער געזאגט ?

— ניץ... ער האט נאר ארויסגענומען דעם קאם, און זיך צוריק אראפגעקעמט די האר, וואס האבען זיך איהם געהאט געשטעלט קאפויר !

# דאס לעבען

## פון א פערהייראטען מאן

ערשטער: ווי אלט זענט איהר?

צווייטער: 32 יאהר.

— כ'האב געמיינט, אז איהר זענט ערשט אלט 27 יאהר.

— אייגענטליך איז עס אזוי, ווארום 5 יאהר בין איך פערהייראט.

## וואסער איז אויך א משקה?

דער פעטער מענדעל זאגט אזוי:

— איך וויים באמת נישט, וואס די איטאליענער און אביסיניען מאכען אזא טראגעדיע פון דעם, וואס זיי האבען נישט קיין וואסער! ווי איהר קוקט מיך אן, וואלט איך א גאנץ פעלינ יאהר געקענט אויס־קומען אהן וואסער !....

## ס'ווענדט זיך !

גאסט (צו דער בעל־הביתטע): קען איך רעדען מיט אייער מאן ?

פרוי: ליידער נישט.

גאסט: ווען קומט ער צוריק אהיים?

פרוי: ס'ווענדט זיך.

גאסט: וואס ווענדט זיך?

פרוי: ווען ס'וועט ארום די אמנעסטיע!...

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

• צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט“ נומער 277 — פרייטאג, דעם 29 נאוועמבער 1935




**ענגלאנד דרעהט די קאטארינקע,**

**מוסאליני טאנצט צום טאקט**

**און ווארט אויף דער נדבה פון לאוואל'ן**

